# בהיכלא דמלכא

שיחות קודש, וסיפורי חסידות שנשמעו מפ"ק
מרן רביה"ק הברך משה זי"ע


## לקט סיפורי קודש
# מזקינו מרן הקדושת יו"ט זי"ע
### לרגל יומא דהילולא קדישא כ"ט שבט

**חלק א'**

-א-

### בצל הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע

**ובחרת בחיי"ם**

**רבינו:** דער זיידע דער **קדושת יום טוב** האט געזאגט אז עס איז נישט געווען א טאג פונעם יאר וואס ער זאל נישט האבן געווען אין צאנז, נישט אויפאמאל, נאך צוביסלעך דורך די יארן.

איך האב געהערט פונעם **פעטער זכרונו לברכה**, אז דער זיידע דער **ייטב לב** זי"ע ווען ער איז געווען רב אין גארליץ[א], און דער זיידע דער קדושת יום טוב האט דארט ביי אים געגעסן קאסט. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך אז ביים זיידן דער ייטב לב זענען ימים טובים אלע קינדער געווען אין צאנז, און דער זיידע דער קדושת יום טוב איז אויך געווען אלע ימים טובים אין צאנז.

**דער פעטער** האט דערציילט אז נאכדעם וואס דער **צאנזער זיידע** איז נסתלק געווארן (כ"ה ניסן תרל"ו), און דער קדושת יום טוב האט אנגעהויבן צו פארן צום פאטער דער ייטב לב, במשך אכט יאר וואס דער ייטב לב האט נאך געלעבט (עד ו' אלול שנת תרמ"ג), און ערשט דעמאלט האט ער געזען אז דער ייטב לב איז

---

**א.** לאחר שברח מאוהעל לערך בשנת תר"ז, עד שנת תרט"ו, כשנתמנה למלאות מקום אביו **בדראהביטש**.

אויך עפעס. **דער פעטער** האט מיר אמאל געזאגט אז דער זיידע דער ייטב לב האט זיך די גאנצע צייט באהאלטן פון אים, כדי ער זאל פארן די אלע יארן קיין צאנז.

**דער פעטער** האט מיר דערציילט, אז ווען דער זיידע דער קדושת יום טוב האט נאך געוואוינט ביים זיידן אין גארליץ און פלעגט אזויפיל פארן קיין צאנז, איז געווען א שטיק צייט וואס ער איז נישט געפארן קיין צאנז, נאכדעם ווען איז נאכאמאל געפארן קיין צאנז און נאכדעם וואס ער האט שלום גענומען ביים צאנזער זיידן, האט ער אים געפרעגט "וואס איז די מעשה? פארוואס ביזטו א שטיק צייט נישט געקומען?" האט אים דער זיידע - וועלכער איז געווען דעמאלט אן ארימאן - געענטפערט: "איך האב געוואלט קומען, אבער דאס קומען קאסט דאך געלט". האט אים דער צאנזער זיידע געפרעגט: "דהיינו וואס?" האט ער געענטפערט: "מען מוז זיך געזעגענען ביים רבי'ן, מען מוז געבן געלט פאר'ן גבאי, מען מוז שטעלן ווין", און ער האט נישט אזויפיל געלט. האט אים דער דברי חיים געזאגט: "איך וועל דיר זאגן, קומען זאלסטו אויף יעדן פערטן שבת, געזעגענען איז גענוג צוויי מאל א יאר, וויין שטעלן זאלסטו יעדע דריי חדשים". ווייל ער האט אזוי געוואלט אז ער זאל קומען, האט ער אים אויסגעשטעלט אזא סדר היום, עס זאל אים נישט קאסטן אזויפיל געלט.

(קישור החיתון מוצ"ש משפטים תשנ"א)

*

## חיי"ם כולכם היום

**רבינו:** אינטערעסאנט דער **קדושת יו"ט** איז קיינמאל נישט געזעצן ביים טיש, נאר אייביג געשטאנען אונטערן בענקל. עס איז איינמאל געווען ביים דברי חיים, איינמאל פרייטאג צו נאכטס ביים אויבער טיש, קיין מופתים האט ער קיינמאל נישט דערציילט, למעשה האט ער ממש נישט מסיח דעת געווען פון צאנז. ער איז דאך אויפגעוואקסן געווארן ביים זיידן דער ייטב לב, אבער אזוי לאנג דער דברי חיים האט געלעבט איז ער כמעט נישט געווען קיין יום טוב ביים טאטן.

איינמאל האט מען געברענגט פאר'ן צאנזער זיידן אויף סוכות א בעקישע פון ארץ ישראל, - מען האט אמאל אויך געברענגט פאר'ן זיידן דער קדושת יום טוב א בעקישע פון ארץ ישראל, וואס דאס איז געווען ביי אים זייער חשוב[ב]. - איז איינמאל סוכות ווען דער צאנזער זיידע איז אריינגעקומען צום טיש מיט די ארץ ישראל'דיגע בעקישע און דער עולם האט זיך זייער געשטופט, אזוי אז עס איז פון די זופ ארויפגעגאסן געווארן אויף די בעקישע, דער דברי חיים האט זיך זייער געבייזערט און האט געפרעגט דער גארליצער רב: ווער האט עס געטאן? האט ער זיך אנגערופן אז ליפא האט עס געטאן, קלערנדיג אז היות ער האט דעם זיידן זייער ליב, וועט ער זיך אויפהערן זיך צו בייזערן. דערווייל האט ער זיך אויף אים אויך געבייזערט פארוואס ער האט נישט אויפגעפאסט, אבער דער זיידע האט אים גארנישט געזאגט. און בשעת ווען דער צאנזער זיידע האט זיך אזוי געבייזערט האט זיך איינער אנגערופן אז ער איז אפילו נישטא געווען. אזוי – האט זיך דער דברי חיים אנגערופן – וועל איך דיר געבן די בעקישע אלס מתנה, און ער האט עס אים טאקע געגעבן. ער איז געשטאנען אזוי באימה ופחד פאר'ן דברי חיים, אז ער האט זיך ממש נישט געטרויעט צו זאגן א ווארט[ג].

בדרך אגב, איך האב אמאל געהערט פון **ר' אשר גבאי**[ד], דער זיידע האט דאך קודם געוואוינט אין

---

**ב.** בספר **בנין אברהם מכתבים** (סי' רמ"ה) הביא מרשימת הגה"צ אבד"ק **מאנטעווידעא** זצ"ל: "מה ששמעתי מאדמו"ר שליט"א אצל סעודת ברי"מ אצל הרב **מסאלקע** וכו', ואמר ש[מרן הייטב לב זי"ע] חיבב מאד את ארץ ישראל, והי' אצלו חשיבות גדול דבר מארץ ישראל, ובסעודה שלישית ישב בא"י בעקישע, [ופעם אחרת שמעתי ממנו, שאמר שכאשר הישמעאלים מלובשין כן, והם אינם משנים שום דבר, מסתמא כן הלביש אברהם אבינו את ישמעאל], והי' שם איזה איש שנתן לו פיתקא והי' לו נייר מא"י, וכתב עליו הפתקא, וכתב בסופו זה הנייר הוא מא"י, והסיב הייטב לב ז"ל פניו לאיש אחר שעמד אז אצלו, ואמר זה ה"נער" הוא מא"י".

**ג.** ונעתיק מה שמסופר בס' **מושיען של ישראל** (ח"ב פרק י"ט,

**טעטש און ער איז אפט געפארן קיין צאנז, אבער ער האט נישט געהאט קיין אייגענעם משמש, און דער זיידע דער ייטב לב פלעגט מיט אים מיטשיקן ר' אשר גבאי, דאס איז געווען צווישן פסח און שבועות, אבער זייענדיג דארט האט דער זיידע שוין נישט געהאט חשק אזוי שנעל אוועקצופארן, זענען זיי געבליבן אין צאנז ביז נאך יום טוב. און די גאנצע צייט וואס דער זיידע איז דעמאלט געווען אין צאנז און ער איז אפט אריין צום דברי חיים און זיי האבן עוסק געווען אין פארשידענע ענינים.**

**ווען ער איז אריין זיך געזעגענען פאר'ן אהיים פארן האט ער געזאגט פאר'ן דברי חיים: "איך וויל זיך געזעגענען ווייל איך פאר שוין אהיים". האט אים דער דברי חיים געפרעגט: "ווער ביזטו?", זאגט ער: "איך בין ליפא". "ווער איז דאס?", "טעטשער רב". "ווער איז דער רב?", "דעם סיגעטער רב'ס זון". "ווער איז דאס?"**

**האט מיר ר' אשר גבאי געזאגט אז דער זיידע איז דארט געשטאנען מיט אזא פחד, זענדיג אז וואס ער זאגט אים איז נישט גוט. ביז ער האט אים געזאגט: "דער רבי זאל מיר גלייבן אז איך ווייס שוין אליין נישט ווער איך בין!". האט אים דער דברי חיים געזאגט: "אה, דו ביזט דאס ליפא'לע, פאר געזונטערהייט, גיב איבער א פריסת שלום פאר'ן טאטן..."[ה]**

**ער האט אמאל געזאגט פאר'ן אוהעלער רב ר' משה יוסף, וועלכער איז געווען אן אייניקל[ו], האט ער אים איינמאל גערופן "ליפא'לע". האט ער געזאגט "איך**

---

מהדו"ח עמ' קצ"ד) מה שסיפר מרן רביה"ק זי"ע: "דרכו היה בכל שנה בעת עריכת שלחנו הטהור בליל שני של חג הסוכות אושפיזא דיצחק אבינו ע"ה שמדתו מדת גבורה, לבקש עילה להיות שרוי בקפידא, בבחי' פחד יצחק, וכן נהגו הרבה צדיקים, ותמיד המציא עילה וסיבה על מה להקפיד.

פעם אחת בליל ב' דסוכות רצה בנו הרה"ק **מגארליץ** זי"ע למנוע קפידת אביו הק', וסידר את השלחן אשר לפני ה' באופן שלא ימצא שום דבר להקפיד עליו. וכאשר נכנס מרן הק' וראה שהכל מסודר על צד היותר טוב, חפש ובדק כל הצדדים והבחין וראה שהכל ערוך כראוי ואין שום דבר שיש לו להקפיד עליו. באותה שעה נפלה אבן לתוך סוכתו אשר הפריעה את עריכת השלחן הטהור, וראו שאין זה דבר פשוט, ומני אז לא השתדלו יותר למנעו מלהקפיד בליל ב' דסוכות, כי ראו בחוש כי יש לו בזה ענין טמיר ונעלם גבוה מעל גבוה.

באחת השנים בליל ב' דסוכות כאשר נכנס לתוך סוכתו לקדש על היין, נתהוה דוחק גדול בין החסידים שעמדו מאחוריו, וגם אאמו"ר [הקדושת יו"ט זי"ע] עמד מאחורי כסא מלכותו דמרן הק', וע"י הדוחק הרב נדחפה ידו של מרן הק' בעת שכבר החזיק את הכוס בידו לקידוש, ונשפך קצת יין מן הכוס וירדו טיפי יין על הבעקיטשע החדשה של מרן הק' הדברי חיים. מרן הק' הקפיד וצעק: "ווער האט דאס געטאן?" [מי עשה זאת?], נענה בנו הרה"ק מגארליץ זי"ע: "דיין ליפא'לע האט דאס געטאן", בחשבו שמגודל אהבתו אליו לא יקפיד עליו. אולם מרן הק' פנה לעבר אאמו"ר וצעק בקול גדול: "ממון איז דמים, מען וועט דארפען באצאלן עד פ"א" [=פרוטה אחרונה]. ואאמו"ר נס אל מחוץ לסוכה כי ירא מהקפדתו.

אח"כ נודע למרן הק' שלא במתכוין עשה אאמו"ר הדבר זה, ואנוס הי' ע"י הדחיפה, צוה להחזירו למקומו. כשחזר אאמו"ר למקומו התחיל לרצותו ולפייסו בדברים רכים: "ליפא'לע, מיין ליפא'לע, מיר האבען ליעב עהרליכע יודען, עהרליכע יודען..." והושיבו על הכסא המיוחד להאושפיזין. ורבים ראו בזה כעין סמיכה, שהסמיכו להיות מנהיג ישראל. וסיפר רבינו שאביו מרן הקדושת יו"ט זצ"ל הי' אומר, כשמרן הדברי חיים זי"ע הושיבו לשם פיוס על כסא האושפיזין, התבייש יותר ממה שהציקה לו מקודם הגערה של מרן הדברי חיים ז"ל, (בל"ק: "ער האט זיך מער געשעמט מיט'ן פיוס ווי מיט די הקפדה").

ומעשה הי' ברב חשוב אחד מנכדי הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זצ"ל שהיה בשולחנו של רבינו בליל ב' דסוכות וחטף משיירי מאכלי רבינו ומחמת הדוחק שפך שלא לרצונו קערה עם בארשט על הגלימא (בעקיטשע) של רבינו, וחשש מהקפדתו של רבינו, והחזיק הרב ברבינו שלא יקפיד, וחיוך עלה על שפתי רבינו, ואמר לו מעשה כזה אירע אצל זקינך מרן הק' הדברי חיים זלה"ה ואבא מארי מרן הקדושת יום טוב זלה"ה, וסיפר אז את כל הסיפור הנ"ל".

**ד.** הרה"ח ר' **אשר ישעי' שווארץ** ז"ל, משב"ק רבוה"ק מסיגעט זי"ע. נלחה"ה כ"ט אב תרפ"ז לפ"ק, ומנו"כ בסיגעט מחוץ לאהל רבותינו הק' זי"ע.

וז"ל נוסח המציבה שלו: "פ"נ איש מפורסם ונודע בשערים בכל דרכיו, שלא לתוארו בתוארים צוה לבניו אחריו, רק בזאת יתהללו המתהללים נאמן מעשי' גדול שמוש יותר מלמוד, שימש הגה"ק **ייטב לב** ט"ו שנים, והגה"ק **קדושת יו"ט** כ"א שנים, והגה"ק **עצי חיים** כ"ב שנים, מו"ה **אשר ישעי'** ע"ה בן מו"ה **אפרים יצחק** ז"ל **שווארץ**, מילא שנותיו בחסד ועלה השמימה, בש"ק ראה כ"ט מנחם אב תרפ"ז לפ"ק".

**ה.** ראה ג"כ בספר **אלה מסעי** (עמ' ק"ל) בשם מרן זצ"ל, וכ"ה בספר **מושיען של ישראל** (ח"ב פרק י"ט, מהדו"ח עמ' קצ"א) בשם הגה"צ **מפאיע** זצ"ל. וכ"ה בספר **מראה אש** (עמ' קצ"ו) מרשימות הרה"ח ר' **יעקב פרידמאן** ז"ל ששמע מפי מרן רביה"ק זי"ע.

בין משה יוסף", האט אים דער דברי חיים געזאגט: "איך האב געמיינט צו זאגן אז איך האב דיך אזוי ליב ווי ליפא'לע"[ז].

(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)

*

### מכתב קודש

**רבינו:** עס זענען אויך דא בריוו פון דעם **צאנזער זיידן**, ווי ער שרייבט פאר'ן **קדושת יום טוב**, ווייל דער **אוהעלער רב זכרונו לברכה** (הגה"ק רבי משה יוסף זצ"ל) האט געגעסן קאסט (קעסט) אין צאנז. ער איז געווען דעם **קשאנוב'ער רב'ס** איידעם, און דער זיידע האט געשריבן, עס זאל משמע זיין אז עס איז געווען פורים, האט ער געבעטן ער זאל שטעלן ווין, דארט איז דער בריוו וואס ער שרייבט איהם וועגן די קינדער.

(בשיחה עם האדמו"ר מבאבוב חורף תשנ"ג במיאמי)

*

### על לוח לבו תמיד

**רבינו:** איך האב א בריוו וואו דער **אוהעלער רב** (הגה"ק ר' משה יוסף זצ"ל) שרייבט פארן **זיידן ז"ל** (ה"ה אחיו מרן הגה"ק הקדושת יו"ט ז"ל) – ער האט אים געבעטן ער זאל שטעלן ווין פורים, שרייבט ער - "איך האב געשטעלט ווין, און דער הייליגער רב האט מיר געזאגט" – אזוי שרייבט ער - "איך האב אים ערשט אינזין געהאט". ער שרייבט עס פארן זיידן, ער שרייבט דאך ער זאל אים מזכיר זיין 'בשעת הסעודה הגדולה' פורים ביים טיש, דארט שרייבט דער דברי חיים אז ער וועט האבן קינדער[ח].

(במסיבת שבע ברכות ב' שלח תשנ"ג)

*

## -ב-
## בצל הרה"ק מהרי"א מזידיטשוב זי"ע

### שתי שבתות בצל הקודש

**רבינו:** דער פעטער האט מיר דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה. אז ווען דער זיידע דער **קדושת יום טוב** איז שוין געווען לעת זקנתו איז ער אמאל געפארן אויף א שבת קיין **זיבנבערגען**, דעמאלט איז נאכנישט געווען קיין קארס איז מען געפארן מיט א קוטשען, ווען דער זיידע האט זיך אריינגעזעצט אינעם קוטשען האבן מיין **טאטע זכרונו לברכה** מיט'ן **פעטער זכרונו לברכה** זיך אויך אריינגעזעצט אינעם קוטשען, און זיי האבן אים געוואלט באגלייטן ביז **בערבעשט**, וואו מען פלעגט זיך אפרוען נאך א נסיעה פון איין שעה.

---

**ו.** שהי' חתן הגה"ק רבי **דוד מקשאנוב** זצוק"ל, בן מרן **הדברי חיים** זי"ע.

**ז.** ראה ג"כ בספר **אלה מסעי** (עמ' קל"א): "וסיפר רבינו כי פעם אחת נכנס אל מרן הדברי חיים אחי הקדושת יו"ט הרה"ק רבי **משה יוסף** האבדק"ק אוהעל, וכאשר הבחין בו מרן הדברי חיים פתח ואמר לו ליפא'לע ליפא'לע, אמר לו רבי משה יוסף הלא אין אני ליפא'לע, השיב לו מרן הדברי חיים אבל רצוני שתהיה כמו ליפא'לע. ומאותו ענין סיפר רבינו, שפעם נכנס אל מרן הדברי חיים אחיו **רבי אביגדור** הרב **מדוקלא**, ושאלו הדברי חיים מי אתה, והשיב לו הלא אנכי אחיך רבי אביגדור, ואמר הדברי חיים שלא הכירו מפני שהלך אז לבוש בבגדי צמר מחמת איזה סיבה שהיא".

וכ"ה **במושיען של ישראל** (ח"ב פרק י"ט, מהדו"ח עמ' ק"צ) בשם מרן זצ"ל, ועיין עוד שם מה שסיפר רביה"ק בעל ויואל משה זי"ע: "רבינו ז"ל הי' רגיל לספר שהדברי חיים ז"ל קרא תמיד את מרן הקדושת יום טוב ז"ל בלשון חיבה בשם **"ליפא'לע"**, וידוע שמרן הדברי חיים ז"ל בעת שנכנס לבית המדרש סמך על כתפי האנשים הקרובים אליו, והוה עובדא פעם כשנכנס הדברי חיים לבית המדרש קרא את בנו הרה"ק ר' ברוך מגארליץ זצ"ל שיתקרב אליו כדי שיסמוך עליו, ואמר לו: **"ליפא'לע בא ואסמוך עליך"** ושאל הרב מגארליץ את אביו בתמיהה, הלא אני איננו ליפא'לע? ענה לו הדברי חיים זצ"ל בזה"ל: **"ליפא'לען האבן איך ליעב, און וועמען איך האב ליעב רוף איך מיט דעם נאמען ליפא'לע"** ("את ליפא'לע אני אוהב, ואת מי שאני אוהב אני מכנהו בשם ליפא'לע").

ובספר **מרא דעובדא** (ח"ב עמ' רע"ה): "אחיו של הקדושת יום טוב הרה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זללה"ה נכנס פעם אל הרה"ק מצאנז, שאלו הרה"ק מצאנז מי אתה, כידוע שכן היתה דרכו לפעמים ומי יעמוד בסוד קדושים, והשיב משה יוסף טייטלבוים, שאלו שוב הרה"ק מצאנז מי אתה, והשיב בנו של הייטב לב, שאלו שוב הרה"ק מצאנז מי אתה, והשיב נכד הישמח משה, שאלו שוב הרה"ק מצאנז מי אתה, והשיב אחיו של ליפאלע, אמר הרה"ק מצאנז אחיו של ליפאלע אתה, אז למה לא אמרת מקודם".

**ח.** פע"א ביום הפורים בשעת עריכת שולחנו הטהור של הרה"ק

**פון אונזער הויז וואו מיר האבן געוואוינט אין סיגעט האט מען גראד געקענט ארויספארן צו די קאמער גאססע פון וואו מען האט געקענט גראד ארויספארן צו די הויפט גאס אויסער די שטאט, אבער איידער מען איז ארויסגעפארן האט דער זיידע געהייסן דעם טרייבער, דעם בעל עגלה, ער זאל ארויספארן דורך די זייטן געסלעך פון יענע זייט שטאט, און אזוי ארויספארן פון שטאט, וואס דאס איז געוועןן אסאך**

**מצאנז** ז"ל העמיד הרה"ק רבי **משה יוסף טייטלבוים** ז"ל צלוחית יין עבור אחיו מרן **הקדושת יו"ט** ז"ל דלהוי פקידא בגו צדיקיא, וכאשר שמע הדברי חיים את שמו של הקדושת יום טוב ענה ואמר: "ווער? ליפא'לע? איך האב אים הערשט אינזינען געהאט". למחרתו נכנס ר' משה יוסף אל הרה"ק מצאנז בפתקא ופדיון נפש שאחיו הקדויו"ט יושע בזש"ק, הד"ח אמר לו שימסור לאחיו שבמהרה יוושע בזש"ק, ומרן הד"ח כתב לו אז מכתב קודש וז"ל:

**ב"ה א' ויקהל תר"ל לפ"ק צאנז.**

החיים והשלום לכבוד ידידי מחו' הרב המאה"ג החריף החסיד המפורסם בש"ק כש"ת מו"ה **ליפא** נ"ו האבד"ק **טעטש** יע"א והגליל יצ"ו.

קיבלתי לנכון ט"ו ר"כ (רובעל כסף) מיד ח"ב (חתן בני) הוא אחיו הרב החריף כ' מו"ה ר' **משה יוסף** נ"ו ה' ר"כ לפ"נ, ועשרה ר"כ אשר אסף וקיבץ מאת אנשי שלומינו החסידים היקרים יחי' יראי ה', והנני להתפלל בעדכם שיברך אתכם השי"ת בבני חיי ומזוני רויחי, ותצליחו בכל אשר תעשו, ותזכו להחזיק תמיד ידי תלמידי חכמים, ולעסוק במצוות ומעש"ט מתוך נחת והרחבה, **ולא יתייאש עצמו וזוגתו תחי' כי בצפייתנו צפינו שלא ימנע מכם פרי בטן,** וד' הטוב יחמול עליכם, ובמהרה תוושעו בזרע ברכת ה', כנפשם ונפש ידידו דבש"ת (דורש בשלום תורתכם) באהבה ונ"ח (ונפש חפיצה).

**הק' חיים הלבר שטאם.**

אחיו רבי משה יוסף טייטלבוים מוסיף על מכתב הנ"ל וכותב בשולי היריעה וז"ל:

גם אנוכי דו"ש כבוד אחי ידידי וכו' הנה עשיתי בקשתו והעמדתי יין עבורו בשעת הסעודה גדולה והשיב לי הרה"ק בזה הלשון: **'איך האב אים הערשט אין זינגעהאט'**, והנה גם ממך אבקש לשלם שכר טרחתי, להזכירני לפני כ' אבי הרה"ק (הגה"ק בעל ייטב לב ז"ל) שיברכני בממון וד"ל. דברי ידידו אחיו הדו"ש באהבה העומד לשרתו בכל עת.

**הק' משה יוסף ט"ב.**

בספר **מושיען של ישראל** (ח"א פ"א, מהדו"ח עמ' י"ד): "מכתב קודש זה מונח בבית גנזיו של כ"ק אדמו"ר (שליט"א) [מרן זצ"ל], וכאשר הראה פעם את המכתב לרבינו ז"ל, לקחו רבינו בידיו הק' בהתרגשות וקראו באהבה ובחיבה יתירה ודייק בכל אות בכתי"ק של מרן הדברי חיים ז"ל וכפל ושילש לקראו כמה פעמים ואמר: "א פלא א לשון פון א צדיק". ואמר רבינו שמרן הדברי חיים ז"ל כתב בלשון קדשו "בצפייתנו צפינו" שהוא לשון ראי' מלשון הכתוב צופה נתתיך, כי כבר אז ראה מרן הקדוש ברוח קדשו את הבנים שעתיד הקדושת יום טוב להוליד, ולכן לא כתב בלשון אצפה אחכה או אקוה וכדומה, ודייקא רק בלשון זה. ומספרים זקני החסידים בשם צדיק א' שאמר בכוונת מרן הקדוש שכתב בכפל הלשון "בצפייתנו צפינו" שראה שתי ראיות על שתי הבנים האחים הק' שעתיד הקדושת יום טוב ז"ל להוליד הלא הם העצי חיים ז"ל ורבינו ז"ל". וכ"ה **בדולה ומשקה** (פאיע, ח"ב עמ' ש"פ). וסיפר הגה"ח ר' **נתן דוד זילבערשטיין** ז"ל ('באילנא דחיי' ח"ה עמ' תק"ה) שפעם סיפר לו **רביה"ק זי"ע** עובדא זו, והוסיף בהתרגשות: "איך האב אליין געזען כתב יד קדשו".

*

אגב, מן הראוי לציין כי שנה לאחר מכן שוב כתב מרן הדברי חיים ז"ל למרן הקדושת יו"ט ז"ל מכתב שני, וגם שם מבטיח לו שיוושע בזש"ק, וז"ל:

ב"ה ג' לסדר לזכרון להם וגו' תרל"א לפ"ק צאנז.

החיים והשלום וכל טוב לכבוד ידידי מחו' הרב המאה"ג החסיד המפורסם בנש"ק כש"ת מו"ה ליפא נ"י ט"ב האבד"ק טעטש יע"א והגליל.

הגיעני לנכון סך י"ב ר"כ אשר נתן מעכ"ת למחו' המופלג החסיד בש"ק מו"ה וואלף כץ ראפפארט נ"י מאשר אסף מאיזה אנ"ש יחיו, והנני מחזיק לו טובה רבה על טרחתו ופעולתו הטובה, והנני מתפלל בעדו תמיד ובעד זוגתו הרבנית תחי' שיעמוד לכם זכות אבותיכם הקדושים להבנות בבנים ש"ק [של קיימא], וברכה לראש המתנדבים, יתן לכם הש"י שפע וברכה והצלחה בני חיי ומזוני רויחי ותזכו לעסוק במצות ומע"ט ולהחזיק תמיד ידי ת"ח מתוך נחת והרחבה. ומחמת חולשתי ותשות כחי לא כתבתי בעצמי והנני שלום.

וישלם ד' גמולו הטוב שגמל עמדי לכבוד התורה, ובטוח אני שיוושע במהרה בבני חיין וקיימי כנפש מחו' ש"ב דבש"ת.

הק' חיים הלבר שטאם".



"בציפיתינו צפינו" - המכתב קודש של הרה"ק מצאנז זי"ע וההוספה מרבי משה יוסף מאוהעל זצ"ל

א לענגערער וועג.

ווען זיי זענען שוין ארויסגעפארן פון שטאט האט זיך דער זיידע אנגערופן צו די קינדער: "עטס וועט אוודאי זיין א חידוש פארוואס איך האט געהייסן אזוי ארומפארן דורך די זייטן געסלעך, די סיבה דערפון איז, אז עס איז ידוע אז יונגערהייט פלעגט דער רבי **ר' אייזיק'ל זידיטשובער** זי"ע אסאך ארומפארן, און שפעטער ווען דער **בעלזער רב** איז נסתלק געווארן (כ"ז אלול שנת תרצ"ו) האט ער אויפגעהערט ארומצופארן, און ער האט אנגעגעבן די סיבה דערפון, "יונגערהייט וואס איז בין ארומגעפארן איז נישט געווען ווייל איך האב געוואלט מאכן געלט, נאר וואו איך בין געווען האב איך געברויכט עפעס מתקן זיין, קיין שום נסיעה איז נישט געווען אומזיסט".

אזוי שטייט אויך אין **אור החיים הקדוש**[ט] אז וועגן דעם זענען אידן פארטריבן געווארן אין גלות, ווייל איבעראל וואו זיי זענען געקומען האבן זיי געברויכט עפעס מתקן זיין. איי בשעת ווען די אידן האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, וואס האט זיך געטאן מיט די אלע נצוצות וויאזוי האט מען זיי מתקן געווען? נאר בשעת די אידן האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, איז זייער כח הקדושה געווען אזוי גרויס, אז די נצוצות הקדושה זענען פון זיך אליין געקומען צו די אידן קיין ארץ ישראל וואו זיי האבן באקומען זייער תיקון. דאס זעלבע האט דער **זידיטשובער רבי** אויסגעפירט: "יונגערהייט האב איך געמוזט אליין ארומפארן מתקן צו זיין, אבער פון איצט און ווייטער די אלע וואס דארפן א תיקון קענען שוין קומען צו מיר".

האט אונז דער זיידע אויסגעפירט: "איך בין דאך שוין אויף די עלטער, און איך זעה אז איך בין נאך אלץ נישט זוכה אז מען זאל קומען צו מיר, נאר איך מוז נאך אלץ ארומפארן, נו זאל איך ארויספארן דורך די הויפט גאס, יעדער זאל זען אז איך קען נאכנישט מתקן זיין אינדערהיים נאר איך מוז נאך ארומפארן, איז עס מיר א גרויסע בושה. דערפאר האבן איך געהייסן ארומפארן דורך זייטיגע גאסן, מענטשן זאלן דאס נישט זען". אזוי האט ער גערעדט פון זידיטשוב די גאנצע שעה ביז בערבעשט.

אין **טעטש** איז אויך געווען די זעלבע מעשה, ווען ער (הקדושת יו"ט ז"ל) איז געפארן פון טעטש קיין זידיטשוב, ער האט אבער געדארפט האבן געלט אויף שפעזן, איז אים א פשוט'ער איד[י] געקומען זאגן אז ער וויל פארן צום זידיטשובער רבי'ן און אויב ער וויל קען ער אים מיטנעמען אויף זיין וואגן. האט זיך דער זיידע זייער געפריידט אז ער וועט קענען זיין אין זידיטשוב. פרייטאג צו נאכט ווען דער זידיטשובער רבי איז אריינגעקומען צום טיש און האט אנגעהויבן שלום עליכם, איז עס געווען א פחד נורא, און דער זיידע האט אנגעהויבן צו טראכטן זיי זיך, דער איד וועט דאך זיכער מוצאי שבת צוריק אהיים פארן, און ער וואלט אזוי געהאט חשק צו בלייבן דא אויף נאך א שבת[יא]. ווען עס איז געקומען צום בענטשן, האט אים דער זידיטשובער רבי געזאגט: "איר וועט

ט. **באור החיים הק'** (פ' בהר עה"פ וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך): "וא"ת אם לא היו ישראל חוטאים וגולים, מי היה מברר המתבררים עתה בתפוצות ישראל, דע לך כי אם לא היו ישראל חוטאים, היה להם כח לברר ניצוצות הקדושות במקום שהם מכל המקומות אשר באו שם, מה שאין כן אחר חטאם דחלש כחם, ולוואי שתשיג ידם במקומן עצמו, אשר שם הניצוצות עיי"ש. [ועי' **בברך משה** על חנוכה (מאמר הלל והודאה אות א')].

י. הרה"ח ר' **מרדכי** ע"ה ראה"ק דק"ק טעטש (מוש"י ח"ב פרק כ"א במהדו"ח עמ' שמ"ט, ודולה ומשקה ח"ב עמ' שט"ו, וכ"ה בסמוך מפי הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק).

יא. ראה בספר **מושיען של ישראל** (ח"ב פרק כ"א, במהדו"ח עמ' שמ"ט בהערה) **ובדולה ומשקה** (ח"ב עמ' שי"ז) שהגה"צ **מפאיע** זצ"ל סיפר פעם לרבינו ששמע מזקינו הגה"צ ר' **שלמה לייב** זצ"ל אב"ד **באגאד**, שפעם בהסתופפו בצל קדשו של מרן **הדברי חיים** זי"ע, שאל עליו מרן הדברי חיים מי הוא, והשיב את שמו, והזכיר גם את שם חותנו הגה"צ **מוועריצקי** זצ"ל שנסע עוד אל מרנן **הישמח משה והרר"צ מרימאנוב** זי"ע ואח"כ נעשה לחסיד צאנז והיה איש מפורסם לכן התייחס אחריו, ולא הועילו כל הסימנים והד"ח לא נזכר עליו, עד שאמר הרב מבאגאד שהיה פה בצאנז על ש"ק פ' בהעלותך להסתופף בצלו, ואמר לו הדברי חיים: **וואס האט מען דען פון איין שבת, הלא אתי אוירא דהאי גיסא ואתי אוירא דהאי גיסא ומבטל לה.** (גם הרה"ח ר' ישראל בריעף ז"ל שמע זה מפי הרה"ג מבאגאד זצ"ל). והשיב לו רבינו, שדבר זה לפליאה בעיניו, לפי שפעם היה במרחץ סאבראנץ ביחד עם הגה"צ מבאגאד על ד' שבועות, ואז חקר ודרש ממנו כל מה ששמע וראה אצל הדברי חיים בצאנז, וענין זה לא סיפר לו ואם נכון הדבר אז תמיה לי איך לא סיפר לי דבר כזה, אבל אם כנים הדברים אז הוא מבין בזה את דברי אביו

בענטשן די אנדערע וואך". אזוי איז דער זיידע געבליבן דארט אויף נאך א שבת[יב]. אויפ'ן גאנצן וועג[יג] האט דער זיידע דעמאלט דערציילט פון זיינע צוויי וואכן אין זידיטשוב.

בשעת די תורה פרייטאג צו נאכטס האט דער זידיטשובער רבי געזאגט אויסנווייניג גאנצע בלעטער **זוהר הקדוש** און **כתבי אריז"ל**, נאכדעם האט ער געפרעגט דעם זיידן צי ער האט פארשטאנען די תורה, האט אים דער זיידע געענטפערט: "אין לי עסק בנסתרות" און ער האט עס נישט פארשטאנען[יד]. האט זיך דער זידיטשובער רבי געוואונדערט פארוואס ער האט נישט פארשטאנען, און ער האט געהייסן ברענגען דעם ספר **עץ חיים** פון **רבי חיים וויטאל**, און ער האט עס אים אויפגעמישט, און האט אים געזאגט: "דא שטייט וואס איך האב געזאגט"[טו]. אזוי האט דער זיידע א גאנצן וועג דערציילט פון יענע צוויי וואכן פונעם קדושת יום טוב אין זידיטשוב[טז].

[והמשיך דודי מרן רביה"ק זי"ע לספר], אויך האט דער **זיידע** דעמאלט אונז דערציילט, אז ווען דער זיידע דער **ייטב לב** האט מספיד געווען דעם רבי אייזיקל זידיטשובער, וועלכער איז ליידער יונגעהייט נסתלק געווארן, האט ער געזאגט ביים הספד אויפ'ן

---

הקדושת יום טוב שאמר שמעולם לא שבת בצאנז על שבת אחת לבד, רק היה שם שני שבתות.

וראוי לציין שבשו"ת **נחלה לישראל** (סימן ל"א) מביא ענין זה בשם הרה"ק **מלובלין** זי"ע, שאמר שטוב לשבות אצל צדיק שתי שבתות כסדרן, שלא יבוא ח"ו אוירא דהאי גיסא ודהאי גיסא ויבטל ליה עיי"ש. ועיין בספר **ילקוט מנחם** (ליקוטים מהרה"ק הרבי ר' מענדעלע מרימאנוב זי"ע) שמביא ג"כ ענין זה בשם הרה"ק **מרימאנוב** זי"ע.

**יב.** וכן סיפר **רביה"ק זי"ע** להרה"ק רבי **איציקל מפשעווארסק** זצ"ל, כשבא לראשונה לשבות בצה"ק שב"ק פ' שלח תשי"ב באנטווערפן, כמו שמסופר בספר **זכור ימות עולם** (ח"ד עמ' שס"ו) מרשימות הגה"ח ר' **בנציון יאקאבאוויטש** ז"ל: "ביום שני פ' קרח בא הצדיק רבי איציגל זצ"ל האדמו"ר מפשווארסק לבית מדרשינו, וסיפר שרצה לקבל ברכת פרידה מרבינו, ורבינו סיפר לו מעשה שהי' אצל אביו מרן הק' זצ"ל בהיותו פעם משובתי שבת קודש בהיכלא קדישא של הגאוה"ק שר בית הזוה"ד רבי אייזיקל זידיטשובער זצ"ל, ומרן הק' הי' מחשבתו הטהורה להיות שם רק שבת אחד, אבל ליל שבת קודש על השלחן קודם ברהמ"ז הרהר מרן זצ"ל אחרי שראה התנהגות הרה"ק מהרי"א זצ"ל חבל על שמוכרח לחזור לביתו אחר השבת ולא יוכל להישאר שם זמן מה, והציץ עליו הקדוש המהרי"א ואמר "טעטשער רב דו וועסט בענטשן דעם אנדערן שבת", וכך נשאר שם על שבת השני וכו'. ואחר שסיים רבי איציגל זצ"ל את המעשה אמר "נו הבנתי שאני צריך להישאר גם על שבת שני"", וככה נשאר משך כל השבוע, וכמעט לא זזה ידו מידו הגדולה של רבינו".

**יג.** כשנסע מרן הקדושת יו"ט זי"ע מסיגוט לבערבעשט (כשנסע להיות על שבת במחוז זיבנבערגען), וליווהו אותו שני בניו מרן העצי חיים ומרן רביה"ק זי"ע.

**יד.** וסיפר הגה"צ **מפאיע** זצ"ל (מוש"י שם עמ' שנ"ב, דולה ומשקה ח"ב עמ' שט"ז): "בשעה שסיפר רבינו סיפור זה העיר שלפלא בעיניו דברי אביו, שאם אמת הדבר שלא הי' לו עסק בנסתרות א"כ מה לו להוסיף שהרבי אמר הדברי תורה במהירות. ומוכחא מילתא שדין גרמא שלא הבין את התורה, אבל באמת הי' לו יד ושם בחכמת הנסתר, ובגודל ענותנותו אמר כן להסתיר ידיעותיו בחכמת הנסתר".

**טו.** ע' **בקדושת יום טוב** (פ' ויצא): **"וכמו ששמעתי לפרש מפי** קדוש ישראל מהרי"א מזידיטשוב **זצוקללה"ה עה"פ** (תהלים קמ"ה, ט"ו) **ואתה נותן להם את אכלם בעתו, ר"ל בעתו דייקא שהעת נכנע תחתיו והוא מושל בו, שאין ישראל נופלים תחת הזמן, וא"כ אפילו בעתים שהזמן גרמא לתגבורות הדינים ח"ו, ג"כ נותן להם את אכלם".**

וראה בספר **נועם שיח** (להרה"צ ר' אליעזר פיש זצ"ל מהאדאס-סאלקא, עמ' קל"ג): "שמעתי מכ"ק אדמו"ר רביה"ק **מסאטמאר** זי"ע שסיפר פעם שהרה"ק **מהרי"א מזידיטשוב זי"ע** אמר לאביו בעל **קדושת יו"ט זי"ע** שיש לו ג' עבודות בהחידושי תורה שלו א' לחדש החידו"ת, ב' לאמרם, ג' לכתבם, וספרתי אז לפני מרן זי"ע ששמעתי שפ"א בא א' לפני הרה"ק הנ"ל, ומצאו יושב בטלית ותפילין דר"ת וציצית א' כרוך על יד ימינו וכותב חידו"ת, רבינו שתק על זה".

**טז.** וכ"כ במכתב הגה"צ ר' **יצחק אייזיק אייכענשטיין** זצ"ל אבד"ק קיוויאשד קווינס לספר **ליקוטי מהרי"א** (אות ג', והובא ג"כ בספרו 'עטרת יצחק' עמ' רל"ג): "עוד סיפר לי מרן הק' (שליט"א) [רביה"ק זי"ע], שאביו בעל **קדושת יום טוב** זצוק"ל כשהי' עוד אבד"ק **טעטש** הציע לו איש חסיד זידיטשוב בטעטש, שהיות שנוסע לזידיטשוב עם מרכבת סוסים שלו על שבת, אם ירצה הרב ליסע אתו, ובתנאי שביום א' אחר השבת יחזור לביתו לטעטש. אחרי הסכמת אביו הגה"ק בעל **ייטב לב** נסע עם האיש לזידיטשוב לשבת. בליל ש"ק על השלחן קודם ברהמ"ז הרהר הגה"ק מטעטש בדעתו, אחרי שראה שתנהגות רבינו, חבל שמוכרח לחזור לביתו אחר השבת ולא יוכל להשאר שם זמן מה, והציץ עליו רבינו ואמר, טעטשער רב דו וועסט בענטשן דעם אנדערן שבת, וכן נשאר שם על שבת שני.

[הוספת הרה"ח ר' **יוסף אשכנזי** ז"ל משב"ק בשם מרן זצוק"ל (כ"ה בספר עטרת יצחק שם): "והבע"ב החסיד מחסידי זידיטשוב נסע

**פסוק** (בראשית כ"ד, ס"ג) **'ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב', אז 'אין שיחה אלא תפלה', דעריבער ווען 'ויצא יצחק לשוח', ווען דער זידיטשובער רבי איז ארויסגעגאנגען מתפלל זיין 'לפנות ערב', 'ערב' מיינט מען די מזיקים, איז ער געווען 'לפנות ערב', האט ער די אלע מזיקים אויסגעקערט ווי מיט א בעזים[יז]. זכותו יגן עלינו[יח].**

(קישור החיתון מוצ"ש משפטים תשנ"א)

*

## יפאר ענוים בישועה

**רבינו: רבי אייזיק'ל זידיטשובער איז געווען א גרויסער רבי, ווי פאר הונדערטער יארן. - כ'האב אמאל געהערט פון פעטער ז"ל פארציילן אז דער זיידע** (מרן הגה"ק הקדושת יו"ט) **ז"ל איז געפארן קיין זיבנבערגען אויף שבת, און מיין טאטע ז"ל מיטן פעטער האבןביידע באגלייט ביז בערבערשט, ער איז געזעצן אויבן - ס'איז געווען א פיאקער - און אקעגן איבער זענען זיי ביידע געזעצן, און זיי זענען**

---

לביתו ומסר פתקאות קוויטליך לקדושת יו"ט שימסרם לרבו בשעת הכושר (כי לא בכל עת לקח קוויטליך) וביקש את בעל קדושת יו"ט שיבקש את הרבי ער זאל איהם אין זינען האבען, וכן הי' כשמסר את הקוויטל שלו אמר להרבי מזידיטשוב אז ער האט געבעטען דער רבי זאל עהם אין זינען האבען, ועי"ז אמר אייזיקיל איז טאקע געקומען אוף דער וועלט איך זאל עהם אין זינען האבען, דעם באשעפער וועל איך אין זינען האבען! ובתוך כך אמר להקדושת יו"ט זצ"ל "יפאר ענוים בישועה', לכאורה יכול השי"ת לשלוח הישועה למי שנצרך ישר לא באמצעית הצדיק, אבל כדי לפאר את הענוים בישועה שעל ידם באה הישועה לכן שולח הישועה ע"י הצדיק"].

ויהי ממחרת השבת ביום ראשון שלח אחריו רבינו ושאלו אם הבין התורה שאמר אתמול בס"ש, והשיב שבהיות שאין לו עסק בנסתרות והרי אומר במהירות וע"כ לא הבין. ועמד רבינו מעל כסאו ולקח מארגז הספרים את סה"ק עץ חיים, ואמר הבה נלמוד אתך בעץ חיים וכך למד אתו כשעה, (כמדומה שאמר לי מרן שליט"א שחזר אתו ביום ראשון את התורה שאמר בס"ש). אח"כ קבע לו רבינו שעה קבועה ולמד אתו בכ"י בסה"ק עץ חיים. אחר השבת השני כשבא לקבל ברכת רבינו טרם נסיעתו (הי' אז חשוך בנים מזו"ר) אמר לו רבינו לאמיר דיר זאען דריי זאכען, ומסר לו ג' ענינים, ועל ענין השלישי אמר לו דאס זאלסטו דיר גוט אריינעמען אין קאפ, עס וועט דיר צוניץ קומען. בחזירתו לביתו נסע דרך סיגוט, וסיפר לאביו הגה"ק כל עניניו בזידיטשוב ובעיקר השלשה דברים שמסר לו רבינו, ושעל ענין השלישי הזהירו ביותר שיהי' לו לתועלת גדול. וסיים מרן הגה"ק שליט"א, דער טאטע ז"ל האט אונז קיינמאל נישט דערציילט די דריי ענינים. (ב' פעמים שמעתי מפ"ק מענין נסיעה זו, בלי שום שינוי)". ע"כ ממכתב הגה"צ מקיוויאשד זצ"ל.

ועיין בספר **עטרת יצחק** (שם עמ' רל"ג) בהערה מהמו"ל בנו הגה"צ אבד"ק **בערטש** שליט"א: "שמעתי מאאמו"ר זצ"ל (גם אחר שנדפס המכתב הנ"ל) דכשסיפר הקדושת יו"ט את הג' ענינים לאביו בעל **ייטב לב**, אמר לו הייטב לב מדעת עצמו על הענין השלישי דיא דריטע זאך זאלסטו דיר גוט אריינעמען אין קאפ ס'וועט דיר צוניצט קומען, ממש כדברי רבינו מזידיטשוב זי"ע". וכתב עוד שם על מה שסיים הגה"צ מקיוויאשד זצ"ל ע"ז ששמע ב"פ ממרן זצוק"ל העובדא בלי שום שינוי: "סיבת הוספה זו היא על שר'

**משה אלי' עסטרייכער** ע"ה ממונקאטש-ברוקלין אמר לאבא מארי זצ"ל בשם מרן אדמו"ר **מסאטמאר** זצ"ל שהשני ענינים הראשונים היו, האחד שכשיאמר דברי תורה יאמר בהקדמו דברי תלמידי הבעש"ט, והשנית שיאמר דברי תורה בלי הכנה מראש, וע"כ הוסיף אבא מארי זצ"ל דברי סיום אלו".

**יז.** מובא ג"כ בספר **תולדות חיים** (מהגה"צ רבי חיים מאיר ברוין ז"ל מתלמידי מרן העצי חיים זי"ע, פ' חיי שרה): "וי"ל דרך רמז עפ"מ ששמעתי מאדמו"ר הגה"ק מרן **מסאטמאר** (שליט"א) [זי"ע] בתוך שיחה קדושה, שכאשר נח נפשי' דמרן הגה"ק מה"ר **יצחק אייזיק מזידיטשוב** זצוק"ל, פתח עליו האי ספדנא זקינו מרן הגה"ק בעל **ייטב לב** זצוק"ל בהאי קרא, 'ויצא יצחק לשוח בשדה', כשהצדיק הקדוש ר' יצחק אייזיק מזידיטשוב הלך להתפלל - 'לפנות ערב' פנה הערב, כלומר החשכות פנה והלך לו ונעשה אור גדול בכל העולמות עכד"ק". והובא ג"כ בספר **פאר יצחק** (פ"ח אות א').

ובספר מושיען של ישראל (ח"ב פרק כ"א, במהדו"ח עמ' שנ"ו) הביא בשם הגה"צ ר' **משה ארי' לעוו** זצ"ל אב"ד טעמעשוואר ששמע מפ"ק של מרן **הויואל משה** זי"ע שמרן **הייטב לב** זי"ע אמר אז בזה"ל: "ווען רבי אייזיק'ל זידיטשויבער האט זיך געשטעלט דאווענען זענען אלע הימלען געווען אפען ווי א פעלד, וואס איז אנגעזייעט מיט גראז און איז פריי פון דערנער". ועיי"ש עוד מה שאמר אז מרן הייטב לב זי"ע במילי דהספידא.

**יח.** עי' במהר"ם ט"ב (חנוכה תשמ"ב): "שמעתי מפי קדשו של מרן כ"ק דודי זי"ע, לספר מה שהיה פ"א כשנסע ק"ז הקדושת יו"ט זי"ע לשבות ש"ק בעיר אחת ממחוז זיבנבערגן, וכ"ק אאמו"ר זי"ע, וגם מרן כק"ד זי"ע, נסעו אתו ללותו עד עיר בערבעשט, נסיעה של שעה אחת בערך, ושניהם ישבו בתוך העגלה ממול פני קדשו של ק"ז זי"ע, וראו היאך שצוה ק"ז ז"ל להבעל עגלה שלא יסע על דרך המלך, רק יעשה את הנסיעה במבואות הקטנות מסביב, אשר כמובן היתה זאת ארוכה וקשה יותר.

וכראות ק"ז על בניו הקדושים את תמיהתם על זה, פתח את פיו בחכמה ואמר להם, הנה עובדא ידענא דהרה"ק ר' אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע היה בימי נעוריו עני גדול, ואף שהיה דבוק מאוד בלימוד התורה הק' בקדושה וטהרה, אף על פי כן היה מוכרח לנסוע שנים הרבה מעיר לעיר ומכפר לכפר, לכל מקום שהיו שם חסידים ואנשי מעשה, אשר החזיקו אותו, ופתאום בשנת תרט"ו,

געפארן ביז בערבערשט, נאכדעם איז ער ווייטער געפארן, און זיי ביידע האבן גענומען א פיאקער, און זיי זענען צוריק אהיים געפארן.

האט דער פעטער דערציילט, אז אויפן וועג - אזוי ווי זיי האבן זיך ארייננגעזעצט אין פיאקער צו פארן - האט דער זיידע ז"ל דער קדושת יו"ט געהייסן - ס'פלעגט דאך זיין אין סיגעט וואו מ'האט געקענט גראד ארויספארן, און מ'האט געקענט ארויספארן פון טאטנ'ס הויז - פון זיידנ'ס הויז - פון א אונטער גאס, פון דארט איז מען אויך ארויסגעפארן, האט דער זיידע געזאגט דעם בעל עגלה 'פאהר', האט ער געמיינט צו פארן בדרך המלך, האט דער זיידע געזאגט, ניין, ער זאל נישט אזוי פארן, נאר פון די אונטער גאס נישט פון די הויפט גאס, זיי האבן נישט געפרעגט קיין שאלות.

אויפן וועג האט ער געזאגט אז דער **זידיטשובער רבי** ז"ל איז אין די יונגע יאהרן ארומגעפארן נאך געלט אין פארשידענע מקומות, און שפעטער אין יאר תרט"ו האט ער זיך מיישב געווען אז ער פארט מען נישט ווייטער, [ער איז שוין] גענוג געפארן. אזוי ווי דער **אוה"ח הק'** (פר' בהר עה"פ וכי ימוך אחיך) **ברענגט** וואס איז געווען ווען מ'איז געווען אין ארץ ישראל [ולא היו גולים, א"כ מי הי' מברר את הניצוצות הק' המתבררים ע"י גלות ישראל בתפוצות העולם], זאגט ער אז זיי וואלטן געהאט א גרויסע זכיה אז זיי האבן צוגעצויגן [אצלם את הניצוצות הק'], מ'וואלט נישט געדארפט אהינפארן נאר מ'האט עס צוגעצויגן. האט

דער זידיטשובער רבי געזאגט ביז יעצט האב איך געדארפט פארן, איצט האלט איך שוין דארט אז זיי דארפן שוין קומען צו מיר, ברוך איך שוין נישט צו פארן.

האט דער זיידע ז"ל געזאגט אזוי, קומט דאך אויס אז איך דארף יא פארן, איז עס פאר מיר א בושה, נו, וואס זאגט איר, פארוואס זאל איך פארן אויפן הויפט גאס, ס'איז דאך א בושה, פאר איך פון א אונטער גאס, אזוי וועט קיינער נישט וויסן. האט דער פעטער דעמאלטס דערציילט אז א גאנצן וועג - ער איז געווען א צאנזער חסיד האט ער גערעדט פון צאנז – [אבל אז] א גאנצע וועג ביז בערבערשט האט ער גערעדט און האט פארציילט פון זידיטשוב.

[וסיפר אז הקדושת יו"ט זי"ע לבניו] ווען ער איז געווען אין טעטש, איז געווען דארט א איד א חסיד פונעם זידיטשוב'ער רבי, און איינמאל האט זיך דער איד מיישב געווען, ער איז אריינגעקומען צו אים, [ואמר להקדויו"ט] ער פארט אויף שבת קיין זידיטשוב, אויב ער וויל מיטפארן, ער האט זיך נישט גערישט אויף דעם, אזוי ווער האט ער געקענט פארן?, ווער האט ער דען געהאט געלט?, טרעפט זיך א איד וואס פארט קיין זידיטשוב, און ער נעמט אים מיט, איז ער געפארן קיין זידיטשוב.

פרייטיג צונאכט'ס איז דער זידיטשוב'ער רבי אריינגעקומען צו 'שלום עליכם', ס'איז נישט פשוט געווען די [עבודת הק', ונתפעל מרן הקדושת יו"ט ממה שעיניו ראו], דער זיידע האט געקלערט, אז

---

גמר בדעתו שלא לנסוע עוד, רק ישאר בעיר זידיטשוב, ומי שירצה להתברך ממנו יבאו בעצמו לזידיטשוב, והסביר פ"א למקורביו את הענין, שאל יחשבו שעד עכשיו נסע סתם לקבץ מעות, רק באמת היה צורך בכל מקום בואו שיתקן שם מה שצריכים לתקן, כידוע מדרכי הצדיקים והיראים להעלות ניצוצים הק', ולתקן בכל מקום מה שיש לתקן, בכל עבודתם הק' להשי"ת על מקום ההוא, אבל עכשיו לעת זקנתי, הגעתי ב"ה למצב כזה, שאין אני צריך עוד לנסוע מעיר לעיר ומכפר לכפר, לעסוק בעבודות הללו.

והסביר כ"ק מרן דודי זי"ע את דבריו הק' עפ"י הידוע מדברי האור החיים הק' (פ' בהר) עה"פ וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך, וזל"ק וא"ת אם לא היו ישראל חוטאים וגולים, מי היה מברר המתבררים עתה בתפוצות ישראל, דע לך כי אם לא היו ישראל חוטאים, היה להם כח לברר ניצוצות הקדושות במקום שהם מכל המקומות אשר באו שם, מה שאין כן אחר חטאם דחלש כחם, ולוואי שתשיג ידם במקומן עצמו, אשר שם הניצוצות עיי"ש, ובחינה זו יש גם אצל צדיקים, כשבאים למדרגה עליונה, אינם צריכים עוד לנסוע ממקום למקום רק כח קדושתם מגיע לכל המקומות שצריך להגיע, כן הסביר כק"ד ז"ל את דברי הרה"ק מזידיטשוב ז"ל.

ואח"כ המשיך כ"ק מרן דודי ז"ל לספר, שנתחוורו פניו הק' של ק"ז הקדושת יו"ט ז"ל עד שהיה פחד להביט בצורתו, ואמר לבניו הק', דלפי זה אתם יכולים להבין, שאם זכיתי לא הייתי צריך לנסוע עכשיו עד זיבנבערגן, רק כל מה שהנני צריך לתקן שם הייתי יכול לתקן בביתי כאן בסיגעט, וא"כ למה לי לנסוע על דרך המלך לפני כל, שכל אחד יראה את בושתי שלא זכיתי עוד במעשי למדרגה זו שלא אצטרך ליסע ממקום למקום, ולכן בחרתי יותר לנסוע במבואות הקטנות אשר מסביב", עכתד"ק.

אזוי האט ער געדארפט זונטאג צוריק פארן, ער [החסיד ההוא שהביאו לכאן] איז געווען א סוחר, ער איז געפארן אויף שבת, אנגעקומען ערב שבת, און ער האט געדארפט זונטאג צוריקפארן, האט דער זיידע ז"ל געקלערט, שוין אוועק צופאהרן זונטאג? ער בלייבט אויף נאך א שבת. ס'איז געקומען צום בענטשן (ברכת המזון) פרייטיג צונאכטס, האט אים דער זידיטשובער רבי געזאגט, "איר וועט בענטשען די אנדערע וואך".

האט ער דערציילט נאכדעם, ער פלעגט זאגן [תורה] על פי קבלה, ווען ער (הקדושת יו"ט) איז אריינגעקומען (לאחר השבת בחדרו הק'), האט ער אים געפרעגט, "איר האט פארשטאנען די תורה?", האט ער אים געזאגט "אין לי עסק בנסתרות", [שאל לו הרה"ק מזידיטשוב] "פארוואס זאגט איר, איר ווייסט נישט? וואס הייסט איר ווייסט נישט?", האט ער ארויסגענומען א זוהר הקדוש און ער האט געלערנט מיט אים, ער האט נישט געזאגט (דער זיידע האט עס גוט געמאכט..).

על כל פנים אגאנצע צייט (באותו נסיעה) האט ער גערעדט פון זידיטשוב. אין זידיטשוב איז געווען א געוואלדיגע פחד, ביים זיידן ז"ל אויך, ממילא ער איז געווען זידיטשוב, איז דאס געווען דאס בעסטע מקור.

**הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק:** דער רבי האט פארציילט, **מאטיע** האט ער געהייסן (כינוי לשם מרדכי), דער פון טעטש, האט ער געזאגט, דער רב זאל קומען ווייל ער האט נישט געהאט קיין שפעזן, ער איז געווען דארט שבת, געזעגענען פארן דאווענען האט מען נישט געקענט, זעקסע זיבענע, נאר טאמער ער האט געוואלט רעדן האט ער געשיקט רופן פרייטיג זונטיג מאנטיג דינסטיג... זונטאג האט ער אים געפרעגט וועגן די תורה, האט ער געזאגט ער האט נישט געקענט הערן [ואז למד עמו, ואח"כ] האט ער געזאגט "פון איצט זאלט איר שוין לערנען אליינס".

מאנטאג האט ער אים דערציילט א מעשה, און דינסטאג אויך א מעשה, דער קדושת יו"ט פלעגט זאגן "אז די ערשטע צוויי געדענקט ער, אבער די דריטע מעשה האב איך אינגאנצן פארגעסן, איך פלאג מיך און איך פלאג מיך...". פאר די פטירה האט ער געזאגט, "איך האב מיר יעצט דערמאנט די מעשה, ס'קומט מיר זייער צוניץ".

**רבינו:** דער רבי פון זידיטשוב האט אים געזאגט איך וועל אייך דערציילן... און ער האט אים געזאגט ס'וועט אים צוניץ קומען.

**ר' עזריאל:** די ערשטע מעשה, און אויף יענץ האט ער אים געזאגט שפעטער שפעטער, און ער האט פארגעסן, און דעמאלטס האט ער זיך דערמאנט.

דער איד (ר' מאטיע הנ"ל) האט אים געבעטן איך זעה אז כ'קען מיך נישט געזעגענען, איך לאז אייך איבער מיין קוויטל און פון נאך אפאר אידן וואס איך האב געברענגט, און אביסל געלט פארן רבי'ן, ווייל איך מוז אהיימפארן. ער (מרן הקדושת יו"ט) האט נישט געוואוסט אז מ'טאר נישט רעדן (בשעה שנכנסו אל הקודש בזידיטשוב לקבל ברכת קדשו), ער האט נישט געוואוסט די גאנצע הלוך ילך (של זידיטשוב), האט ער געגעבן א קוויטל, און ער האט געזאגט אז "מאטיע האט געבעטען אז דער רבי זאל אים אינזין האבן ווייל ער האט צוזאם געשטעלט די אלע קוויטלעך, און ער האט עס געברענגט אויך", האט ער זיך אנגעכאפט די בארד, "וועגן דעם בין איך געקומען אויף דער וועלט אז איך זאל מאטי'ען אינזין האבן..., דער אויבערשטער זאל העלפן די אלע אידן". און ער האט געזאגט - יפאר ענוים בישועה (תהלים קמ"ט, ד'), דער אויבעשטער וויל שיקן א ישועה פאר א איד, כדי מ'זאל מפאר זיין דעם נאמען, אזוי קומט אלעס דורך השי"ת, קען מען דען עפעס, יפאר ענוים, ווייל דער אויבערשטער... ישועות שיקט ער פאר די אלע אידן זיי זאלן געהאלפן ווערן[יט].

(בסעודת הושע בן בארי פ' נצו"י תשמ"ז)

---

**יט.** וכ"כ בספר **ויצבר יוסף** (עה"פ כי רוצה ה' וגו'): "שמעתי בשם **רבינו הק' מהרי"א זצ"ל מזידיטשוב** פירוש הפסוק דהשי"ת רוצה להושיע את עמו ישראל, ומה שנושעים אצל הצדיקים מטעם יפאר ענוים - הצדיקים בישועה, עכ"ד הקדושים".

**כ.** וכ"ה בספר **מושיען של ישראל** (ח"ב פרק כ"ב, מהדו"ח עמ' תע"ב) בשם מרן זצ"ל, וכן הביא שם מרשימות הגה"צ אבד"ק

-ג-

## בצל אביו מרן הייטב לב זי"ע

### במקום גדולתו

**רבינו:** פון דעם **ר' אשר** (גבאי, הנ"ל) האב איך געהערט, אז נאכדעם וואס דער **דברי חיים** האט שוין מער נישט געלעבט, האט דער זיידע דער קדושת יום טוב אנגעהויבן צו פארן צו זיין טאטן אויף ימים טובים קיין סיגעט. דער ייטב לב האט געהאט אזא גאניק וואס פון דארט איז ער ארויס פון שטוב אויף די גאס אדער אין בית הכסא, און קעגן איבער איז געווען די סוכה, דער גאניק איז געווען אביסל העכער וואס פון דארט האט מען געקענט אריינקוקן אין די סוכה. פרייטאג צו נאכטס איידער דער ייטב לב איז געגאנגען צום טיש איז ער קודם ארויס און ר' אשר גבאי איז מיט אים מיטגעגאנגען. צוריקקומענדיג האט מען געקענט אריינקוקן פון די גאס אין די סוכה. מענטשן זענען שוין דארט געזעצן, און דער זיידע דער קדושת יום טוב איז שוין דארט געזעצן און האט אריינגעקוקט אין א ספר. האט דער ייטב לב געזאגט צו ר' אשר גבאי: "קוק נאר אהער, איך ווייס נישט וויאזוי איך גיי אריין צום טיש, ווייל ווען איך קום אריין צום טיש וועל איך זיצן אויבן אן, און ליפא וועט זיצן אין די זייט, קען איך אזוי זיצן ביים טיש אויב ער וועט זיצן אין די זייט?"[כ]

האט מיר ר' אשר גבאי געזאגט, אז ער האט נישט געקענט פארשטיין, וואס איז דאס? ער מיינט עס טאקע אמת, ווייל דער קדושת יום טוב איז געווען אזוי באהאלטן, ער האט טאקע געהאט התנגדות פון די כהני'שע, אבער צום סוף האט מען געזען זיין גרויסקייט איבער די גאנצע וועלט. ער איז געווען אזא געוואלדיגער מענטש און ער האט זיך געקענט אזוי באהאלטן.

(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)

-ד-

## בשבט ההנהגה

### עמוד על ימיני לסמכינו

**רבינו:** איך האב דאס געזאגט, ווען דער זיידע זכרונו לברכה דער **ייטב לב** זכרונו לברכה איז נסתלק געווארן, האט ער אריינגערופן דעם **קדושת יום טוב**, ער האט אים זייער מקרב געווען. ער האט אים אזויפיל געבעטן [שיסכים לקבל המשרה על שכמו]. דער **קאלבאסובער רב** איז געווען עלטער. הכלל איך האב דאס געהערט פון אפאר אידן[כא], ס'איז געדרוקט טאקע פון **ר' ישעי'** [לעפקאוויטש], ער האט אליין געהערט פון זיידן דעם קדושת יום טוב, אז ער האט געבעטן ביים ייטב לב אז ער זאל נעמען דעם עלטערן זון[כב]. בקיצור ביז דער זיידע דער ייטב לב האט אים געזאגט, "איך זאג דיר צו, ווען דו וועסט ברויכן וועל איך דיר זיין ביי דער האנט". האט דער זיידע געזאגט, "איך זאג דיר, איך האב געזען די גאנצע צייט אז ווען איך האב געדארפט האב איך ב"ה געהאט גרויס סייעתא דשמיא,



מכתב קודש ממרן הייטב לב זי"ע להנהלת הקהלה בסיגעט
שהוא ממנה את מרן הקדושת יו"ט זי"ע לאבד"ק סיגעט

---

מאנטעווידעא זצ"ל ששמע כן בקצרה מפי **רביה"ק בעל ויואל משה זי"ע**.

**כא.** עי' בסמוך בשם הרה"ח ר' **יעקב גליק** ע"ה, חתן הרה"ח ר' **משה ארי' פריינד** ע"ה ראה"ק סיגוט.

**כב.** עי' בספר **בהיות הבוקר** (אות תקס"ז) להגה"ק רבי **שאול בראך** זצוק"ל אבד"ק קאשוי: "וכן שמעתי מפ"ק של מרן הגה"ק בעל **קדושת יום טוב** זצ"ל שהתאונן והתמרמר לפני על שאביו הגה"ק בעל **ייטב לב** זי"ע שם על שכמו להיות לרב ואב"ד בקהלה גדולה בסיגעט, שהי' לפי דעתו למעלה מכוחו, אע"פ שבעיני ראיתי כמ"פ שדבריו היו נשמעים במרום, ונשאו פנים לדורו עבורו כבימי הראשונים, בכל זאת הי' שפל בעיני עצמו".

און אז דער טאטע איז מיר צוגעשטאנען"[כג].

(באסיפת ההתמנות ליל שישי פ' נצו"י תשל"ט)

*

## "וועט סיגעט זיין סיגעט און אונגארן וועט זיין אונגארן"

**רבינו:** איך דערמאן זיך אז איך האב געהערט דערציילן, אז דער ייטב לב פאר'ן הסתלקות איז ער ל"ע זייער קראנק געווען, נאך פון זיין לעצטן שבועות ביז ו' אלול, און עס האט זיך דן געווען איבער די רבנות אין סיגעט. קודם איז דער קאלבסובער רב געווען אין קאלבעסוב, איך האב אים נישט געקענט, ער איז נפטר געווארן איידער איך בין אראפגעקומען אויף דעם עולם. ווידער דעם אוהעלער רב האב איך אויך נישט געקענט, ווייל ער איז יונגערהייט אוועק, ער איז געווען זייער א גרויסער מענטש, דער טעטשער רב איז שוין יונגער געווען.

און דער עולם האט געזען אז מיט'ן זיידן דער קדושת יום טוב, ער איז געווען אזא נחבא אל הכלים אז עס לאזט זיך גארנישט זאגן, אזוי אז די נאענסטע מענשטן האבן אים נישט געקענט, אבער דער זיידע האט אים גוט געקענט. איך האב געהערט פון **ר' אשר דער גבאי**, ער איז געווען א גבאי ביי ייטב לב, ביים קדושת יום טוב, ביים טאטן און אויך ביי מיין ברודער, ער איז געווען א עכטער חסידישער איד און זייער א גרויסער ערליכער איד. האט ער מיר דערציילט אז אין סיגעט איז געווען אזא גאנג פון וואו מען האט געקענט אריינקוקן אין סוכה. דער עולם איז געזעסן אין סוכה און דער זיידע איז דורך דארט ארויסגעגאנגען, און פון דארט האט ער געזען אז דער זיידע זיצט שוין דארט אין סוכה און ווארט אז דער פאטער זאל אריינקומען אין סוכה, האט אים דער זיידע געזאגט: "קוק אן, איך דארף זיך גיין אראפזעצן אין די סוכה, זי'ץ איך אויבן אן און ליפא מוז זיצן אין די זייט, וויאזוי קען איך אריינגיין אין סוכה?".

אבער נאכדעם – האט ער מיר דערציילט – אז ווען דער ייטב לב איז נפטר געווארן און דער זיידע האט איבערגענומען, איז ער געווען א מלך ישראל און האט געפירט די מדינה, האט ער דעמאלט געזען וואס דער דער זיידע דער ייטב לב האט געזאגט, אז אויב ער וועט זיין רב, וועט סיגעט זיין סיגעט און אונגארן וועט זיין אונגארן, און אויב וועט ער נישט זיין דא רב, וועט סיגעט נישט זיין סיגעט און אונגארן וועט נישט זיין אונגארן. איך האב דאס אויך געהערט פון ר' **יעקב גליק פון** סיגעט, וועלכער איז געווען ר' **משה ארי'ס**[כד] איידעם. דער זיידע איז געווען א אש להבה, דער צאנזער זיידע האט אים גוט געקענט, איך האב א בריוו בכתי"ק וואס דער אוהעלער רב האט געשריבן פאר'ן זיידן דער קדושת יו"ט, וועלכער האט אים געבעטן ער זאל אים מזכיר זיין. שרייבט ער אים בזה"ל: "והשיב לי הרה"ק, איך האב אים ערשט אליין אינזין געהאט".

(במסיבה א' וישלח תשנ"ה בבית ר' בערל גלויבער ע"ה)

*

## עולם העשי'

**רבינו:** דער קדושת יום טוב, ער דער זיידע ז"ל איז געווען א גרויסער טוהער, האט ער געזאגט "אויפטוהן קען מען נישט, מען דארף טוהן, און דער אויבערשטער פירט שוין מען זאל עפעס אויפטוהן אויכעט".

(בשיחה עם האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל, ב' בשלח תשמ"ז)

*

-ה-

## על התורה ועל עבודה

## "ועמד בכל רגע למסור נפשו עבור קדושת השי"ת ועבור כללות ישראל"

**הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאן ע"ה:** דער רבי האט

---

**כג.** ראה **מושיען של ישראל** (ח"ב סוף פרק כ"ב, במהדו"ח עמ' תע"ג).

**כד.** הרה"ח המפורסם רבי **משה ארי' פריינד** ז"ל ראה"ק דק"ק סיגעט.

געזעהן וואס דער **ביקסאד'ער רבי** האט געוויזן דעם **דברי יוסף** פונעם **האדאד'ער רב**[כה], ער שרייבט אין די הקדמה אז ער האט געלערנט די סוגיא ביים קדושת יו"ט, ער האט געזעהן אז ער איז מוכן ומזומן בכל רגע ורגע למסור את נפשו להשי"ת במשך די זעקס יאר וואס ער האט דארט געלערנט[כו].

**רבינו:** אזוי שרייבט ער?

**ר' שלמה יעקב:** יא אין די הקדמה, **ביקסאד'ער רבי** האט מיר דאס געוויזן. ער שרייבט, אז ער האט זוכה געווען צו לערנען בחברותא מיט'ן **עצי חיים**.

נאכדעם האט מיר איינער געוויזן א ספר[כז], וואס א תלמיד פון **סעמיהאי'ער רב** שרייבט, אנו זוכרים שהיה גאונים שידעו כל הש"ס בע"פ, כהגאון רבי יודא'לע מסעמיהאי, והגאון רבי ליפא מסיגעט, שידעו כל הש"ס בע"פ, איך וועל דאס ווייזן פארן רבין זייער אינטערסאנטע זאכן.

(במסיבת שבע ברכות ה' ויגש תשמ"ט)

*

## יו"ם טו"ב שחל להיות בשב"ת

**רבינו:** כ'האב געהערט פון **פעטער זכרונו לברכה** אז דער זיידע דער **קדושת יו"ט** ז"ל האט געזאגט אז מ'זעהט אויף די שטיינער אז ס'איז שבת קודש! [כח].

(בשיחה עם הגה"ק מפאפא זצ"ל, חוהמ"ס תשמ"א)

---

**כה.** הגה"צ רבי **יוסף ארי' פיש** זצ"ל אבד"ק **האראד**, הי' בן הגה"צ ר' **צבי אלימלך פיש** זצ"ל (אבי הגה"צ ר' משה זצ"ל, שהי' אביו של הגה"ק רבי אליעזר פיש זצוק"ל הי"ד מביקסאד), והי' תלמיד מובהק למרן **הקדושת יו"ט** זי"ע, והי' לומד ביחד עם בנו מרן **העצי חיים** זי"ע, כי הקדושת יו"ט בחר לו ללמוד בחברותא עם העצי חיים, וגם בעת ששלח הקדושת יו"ט בנו העצי חיים קודם החתונה על שב"ק להרה"ק משינאווא זי"ע הי' נוסע עם העצי חיים, ושמע מהקדוי"ט שאמר להעצי חיים הנה אשלח לך לשמוע וללמוד האיך אומרים ברכת שהכל ואשר יצר, וגם הי' אצל החתונה של עצי חיים בטארנא".

**כו.** וז"ל בהקדמה: "זכיתי ללמוד אצל כ"ק אדמ"ו הגה"ק רשכבה"ג מרן בעל **הקדויו"ט האב"ד מסיגוט** זצ"ל וזיעכי"א, אשר היה עולה תמימה, ועמד בכל רגע למסור נפשו עבור קדושת השי"ת ועבור כללות ישראל". עכ"ל.

ועיי' בס' **אמרי יצחק** (ח"ג דף ל') שהגאון רבי **יהודה גרינוואלד** זצ"ל אב"ד סאטמאר הספיד את מרן הקדויו"ט ופירש עליו את הפסוק (דברים ל"ד, ז') ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו וגו', ר"ל דכל המאה ועשרים שנה היה בבחי' מסירות נפש כאילו היה מת, עכ"ד. ועי' בספר **הין צדק** לתלמידו הגה"צ **מדראגמירעשט** זצ"ל בהספידו על מרן הקדושת יו"ט שכמ"פ שמעו מפיו הקדוש בעת זמירות של"ס בעת שזימר 'מזמור לדוד', הי' דרכו לומר בנשימה אחת 'למען שמו גם כי אלך בגי צלמות לא אירע רע', והיה מובן למשכילים שהיה מוכן תדיר למסירת נפש על דבר כבוד שמו ית.

**כז.** בהקדמת הספר **מפתח לששה סדרי משנה** (להג"ר בנימין פרידמאן ז"ל, מישקאלץ תרצ"ה) הולך ומונה סדר חכמי הדורות, וכותב בתוך דבריו (עמ' ל"א): "וגם עוד לפני שלשים וארבעים שנה היינו מכירים פה במדינתינו גדולי התורה בקיאים בכל הש"ס, כמו מורי ורבי הגאון רבי יהודה גרינפעלד ז"ל אבד"ק סעמיהאלי, ואמו"ר הגאון ר' חיים אלעזר דייטש ז"ל אבדק"ק באניהאד מחבר ספרי תבואות השדה, **והגאון בעל קדושת יו"ט**, והגאון בעל ערוגות הבושם, והצדיק רבי יהודה גרינוואלד אבדק"ק סאטמאר, זכותם וזכות תורתם יעמוד לנו".


ב"ח

הקדמה ברצון ד'

**בכריעה** על ברכים, ופרישת כפים, לפני המחי' חיים, והמאיר עינים, אבינו שבשמים, אפתח פה ושפתים אהללה שמו ואביעה רננות על כל הטוב אשר גמלנו מעודי ועד היום הזה ומעתה ועד עולם ואין טוב אלא תורה ששם חלקי משחר טל ילדותי מיושבי ביהמ"ד ביני עמודי דגרסי וזכיתי להתאבק בעפר רגלי חכמים בפרט כשזכיתי ללמוד אצל כ"ק מרן אמ"ו הגה"ק רשכבה"ג מרן בעל קדו"ט האב"ד בסיגוט זצ"ל וזי"ע ועכי"א אשר הי' עולה תמימה ועמד בכל רגע למסור נפשו עבור קדושת השם יתב"ש ועבור כלליות ישראל וזכיתי שבחר אותי מכל להיות חבר אני לכל אשר יריאוך ללמוד ביחד עם בנו דנאוה"ק רשכ"י קרן בעל עצי חיים זצ"ל וזכיתי ללמוד אצלו כמה מאות הלכות ביחד עם בנו הנ"ל להבחל"ח שמה מצאתי מרגוע לנפשי להשביע בצחצחות נפשי לאכול מעץ החיים אילנא דאורייתא, ומשום שמנהג העולם ליקח הסכמה על הספרים הנם שבאגדה אין משיבין על הדרוש, וכבר נאמר מפיהם (שרואין מה שאמר על הספר) ולא מפי כתבם (מן ההסכמות) ואעפי"כ לצאת מנהג העולם אכתוב ההורמנא מכקאמ"ו זי"ע וזה יהי' תחת הסכמה לצאת בזה, וזה לשון ההורמנא מכ"ק אעפ"י שהי' לו נדר שלא ליתן רק מלך פורין נדר לעצמו ולי נתן ההורמנא הראשונה.

**הן** בא אלי ידידי תלמידי ח"ת הרב החריף ובקי מו"ה יוסף ארי' פיש מק"ק מ' לאפאש ודרש אותי לכתוב כתר הורמנא והוא ביודעי ומכירי הימב מאז שלמד בית מדרשי והוא חביב בעיני מאד כי תמיד הפה שכמו לסבול עול תורה ביגיעה רבה יומם ולילה ות"ל מצא כדי מדתו וגם אחר חתונתו השתעשעתי עמו בהרבה סוגיות ופוסקים וראיתי כי ידיו רב לו בש"ס ופוסקים ויוס"ף הוא איש מצליח בתורה ורבץ כארי' יודע לאמן ידו בפילפול וסברה ישרה קולע על השערה אקוה להשי"ת כי יעלה מעלה מעלה ע"כ ידי תיכון עמו להעיד כי מסתמא ידון ידון יורה יורה כהוגן וכשורה וכדי הוא לאותו איצטלא להושיבו על כסא ההוראה בא' מערי ישראל ומצוה להחזיקו ולחוק הני ברכי דרבנן כי יברכו עליו ברכת הנהנין הלא כה דברי הכותב לכבוד התורה ולומדי' וכעה"ח היום יום ג' נשא את ראש בני ישראל דהאי שתא תרנ"ז לפ"ק סיגעט חנני' יו"ט ליפא והחותם.

דברי יוסף / פיש, יוסף אריה בן צבי אלימלך / עמוד 3
הודפס מאוצר החכמה

ההקדמה בספר דברי יוסף, שמעתיק ג"כ הכתב הורמנא שלו ממרן הקדושת יו"ט זי"ע


**וגם** עוד לפני שלשים וארבעים שנה היינו מכירים פה במדינתינו גדולי התורה בקיאים בכל הש"ס כמו מורי ורבי הגאון ר' יהודה גרינפעלד ז"ל אבד"ק סעמיהאלי ואמו"ר הגאון ר' חיים אלעזר דייטש ז"ל אבדק"ק באניהאד מחבר ספרי תבואות השדה, והגאון בעל קדושת יו"ט, והגאון בעל ערוגות הבושם, והצדיק ר' יהודה גרינוואלד אבדק"ק סאטמאר זכותם וזכות תורתם יעמוד לנו

"היינו מכירים פה במדינתינו גדולי התורה בקיאים בכל הש"ס"

**כח.** וכן סיפר רביה"ק זי"ע **בס"ג שבת הגדול תשכ"ו** (חידו"ת מהר"י ט"ב, ובדברי יואל לשבה"ג אות כ"ט): "אבא מארי זי"ע היה אומר, שכשיוצאים בערב שב"ק מהמקוה, כבר רואים בחוש שגם האבנים הפשוטים צועקים 'שבת, שבת', ומתנוצצים מקדושת השבת, ובלשון קדשו: מען זעהט בחוש ווי די שטיינער בליטשקענען, עכלש"ק. [ועי' ג"כ בספר **ברך משה** (פר' ויקהל) בתו"ד: "אכן הן מודעת זאת כי לא הרי עבודת הצדיקים בימות החול כהרי עבודתם ביום השבת קודש, וכלשונו הקדוש של **הסידורו של שבת** (השורש הראשון - ענף ג) בעינינו ראינו גודל ההפרש וההבדל השתנות קדושת שבת על איש החכם והצדיק שנראה בחוש אשר גודל אור הקדושה בוער

-ו-
## הוראות ומנהגים

### קידוש לבנה בליל ט"ז

**גאב"ד מעלבארן:** ער (מרן הייטב לב זי"ע) מיט דער תורה וואס ער האט געזאגט אויף 'האזינו השמים' (דברים ל"ב, א') האט ער ממשיך געווען עס זאל זיין א לבנה. עס האט גערעגנט פרייטאג צונאכטס איז געווען י"ג תשרי, און מען האט געהאט א דאגה וואס וועט זיין מיט סוכות, בייטאג [י"ד תשרי ערב סוכות] איז געווארן שיין און מען האט געקענט אויפשטעלן סוכות, און ביינאכט האט ווייטער גערעגנט, מען האט זיך פארלאזט אויפ'ן **ב"ח** (סי' תכ"ו, הובא במג"א שם סק"ז) [לקדש בליל יום טוב], און אויף דעם וואס עס שטייט אין **השיב משה** (סי' י"ד), אז ט"ז למולד קען מען נאך מאכן קידוש לבנה. אין **חתם סופר** אין דער תשובה (חאו"ח סי' ק"ב) איז אויך דא אין דעם. עס איז אינטערעסאנט דער לשון וואס שטייט אין ייטב לב, "בימי ילדותי האב איך סומך געווען לפניו על פי דבריו", עס איז געווען ענדע ימי ילדותי, ער איז שוין געווען א יונגערמאן, ער איז געווען א רב, ער זאגט בימי ילדותי, האט ער זיך פארלאזט.

**רבינו:** ביים זיידן ביים **קדושת יום טוב** איז אויך אזוי אמאל געווען.

(בשיחה עם גאב"ד מעלבארן עשי"ת תשנ"א)

*

### דרשה י"ג מדות

**גאב"ד מעלבארן:** עס איז געווען למשל, מען זעהט דא אין **ייטב פנים** די תורה וואס ער האט געזאגט שלש עשרה מידות.

**רבינו:** ער האט געזאגט יעדעס יאר א דרשה.

**גאב"ד מעלבארן:** דער **עצי חיים** האט אויך געזאגט?

**רבינו:** אויך געזאגט. און דער **קדושת יום טוב** האט אויך געזאגט.

(בשיחה עם גאב"ד מעלבארן עשי"ת תשנ"א)

*

### שטריימל בהדלקת נר חנוכה

**רבינו:** בכלל איז געווען אין סיגעט אז מען דארף נישט נאכמאכן דעם טאטן, עס איז נישט געווען קיין דוקא. אזוי אויך חנוכה ליכט צינדן **דער זיידע** (מרן הייטב לב זי"ע) פלעגט צינדן אין א שטריימל, דער זיידע **קדושת יו"ט** האט נישט געוואלט אנטוהן דאס שטריימל.

(בשיחה עם האדמו"ר מוויזניץ מאנסי זצ"ל, פ' תולדות תש"מ)

---

בלבו כרשפי אש ומים רבים לא יכלו לכבות את האהבה התקועה בלבו ומשתוקק ומתלהב לעבודת ה' כל הלילה כל היום של שבת קודש. אף גם להוסיף הרבה מחול על הקודש בכניסתו וביציאתו בחשיקות ודביקות ה'. ובאהבתו שוגה. ונראה לכל כי כמעט נכסף בכלות נפשו לאלהים מגודל הבערת אש האהבה הבוער בלבו. ותיכף אחר הטבילה בע"ש ניכר התנוצצות קדושת שבת המאיר על פניו. וזיו הדרת אורו מבהיק עד שיראים לגשת אליו כמחז"ל (ב"ר י"א) ברכו באור פניו של אדם אינו דומה אור פניו של אדם כל ימות השבת כמות שהוא בשבת, עכלש"ק. **ושמעתי ממרן דודי זללה"ה כי בכל החזיון הזה ראו אצל ק"ז מרן הקדושת יו"ט זי"ע אשר היה בוער כאש בקדושת השבת, והוה מרגלא בפומיה, כי כאשר יוצאין מן הטבילה בערב שבת רואים שגם האבנים מזהירים מקדושת השבת".**

אגב, יש לציין שהגה"ק **משאמלויא** זצ"ל כשהספיד את מרן הקדושת יו"ט זי"ע (נדפס בס' אבן שלמה פר' ברכה) אמר בתו"ד: "קדושת שבת היה ניכר אצלו עד להפליא, ומפיו הקדוש לא זז שבח קדושת שבת באהבה חבוקה ודבוקה", עיי"ש.